**וואקסין אינפארמאציע סטייטמענט**

# ריקאָמבינענט זאָסטער (Recombinant Zoster, שינגלס) וואקסין: *וואס איר דארפט וויסן*

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**ריקאָמבינענט זאָסטער (Recombinant Zoster, שינגלס) וואקסין** קען פארמיידן **שינגלס**.

**שינגלס** (אויך גערופן הערפיס זאָסטער אדער בלויז זאָסטער) איז א ווייטאגליכע הויט אויסשלאג, געווענטליך מיט בליסטערס. אין צוגאב צו די אויסשלאג קען שינגלס אויך פאראורזאכן א פיבער, קאפוויי, טשילס אדער איבל און ברעכן. אין זעלטענע פעלער קען שינגלס פירן צו קאמפליקאציעס ווי לונגען אנטצינדונג (ניומאָוניע), הערן פראבלעמען, בלינדקייט, מוח אנטצינדונג (ענסעפלייטייס) אדער טויט רח״ל.



די סכנה פון שינגלס גייט ארויף מיט די עלטער. די אפטסטע קאמפליקאציע פון שינגלס איז א לאנג-טערמיניגע נערוון ווייטאג וואס קומט נאך הערפיס (postherpetic neuralgia, PHN). PHN געשעט אין די פלעצער וואו די שינגלס אויסשלאג איז געווען, און עס קען בלייבן פאר חודשים אדער יארן נאך די אויסשלאג גייט אוועק. די ווייטאג פון PHN קען זיין ערנסט און אפשוואכנד.

די סכנה פון PHN גייט ארויף מיט די עלטער. אן עלטערער מענטש מיט שינגלס איז מער ווארשיינליך צו באקומען PHN און האבן לענגערע און גרעסערע ווייטאג ווי א יונגערע מענטש.

מענטשן מיט אפגעשוואכטע אימיון סיסטעמען זענען אויך אין א גרעסערע סכנה פון באקומען שינגלס און פון קאמפליקאציעס פון די קראנקייט.

שינגלס ווערט פאראורזאכט דורך דעם וועריסעלא-זאָסטער ווירוס, דער זעלבער ווירוס וואס פאראורזאכט טשיקענפאקס. נאך איר באקומט טשיקענפאקס, בלייבט דער ווירוס אין אייער קערפער, און עס קען פאראורזאכן שינגלס שפעטער אינעם לעבן. שינגלס קענען נישט אריבערגיין פון איין מענטש צום אנדערן, אבער דער ווירוס וואס פאראורזאכט שינגלס קען זיך יא פארשפרייטן און פאראורזאכן טשיקענפאקס ביי איינער וואס האט קיינמאל נאכנישט געהאט טשיקענפאקס און האט נישט באקומען דעם טשיקענפאקס וואקסין.

## 2. ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין

דער ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין גיבט שטארקע שוץ קעגן שינגלס. דורכן פארמיידן שינגלס, באשיצט דער ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין אויך פון PHN און אנדערע קאמפליקאציעס.

דער ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין איז רעקאמענדירט פאר:
- **דערוואקסענע פון 50 יאר און עלטער**
- **דערוואקסענע פון 19 יאר און עלטער וועלכע האבן אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם** צוליב א קראנקייט אדער מעדיצינישע באהאנדלונגען וואס זיי באקומען

דער שינגלס וואקסין ווערט געגעבן אין א צוויי-דאזע סעריע. פאר רוב מענטשן דארף די צווייטע דאזע געגעבן ווערן 2 ביז 6 חודשים נאך די ערשטע דאזע. טייל מענטשן וואס האבן אדער וועלן האבן אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם קענען שוין באקומען די צווייטע דאזע 1 ביז 2 חודשים נאכן באקומען די ערשטע דאזע. פרעגט אייער דאקטאר פאר אנווייזונגען.

עס איז רעקאמענדירט פאר מענטשן וואס האבן געהאט שינגלס אין די פארגאנגענהייט און מענטשן וואס האבן באקומען דעם וועריסעלא (טשיקענפאקס) וואקסין צו באקומען דעם ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין. די וואקסין איז אויך רעקאמענדירט פאר מענטשן וואס האבן שוין באקומען אן אנדערער סארט שינגלס וואקסין — דער לעבעדיגער שינגלס וואקסין. אין דעם ריקאַמבינענט שינגלס וואקסין איז נישטא קיין לעבעדיגער ווירוס.

דער שינגלס וואקסין קען געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צייט ווי אנדערע וואקסינען.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט דעם צושטעלער פון וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם ריקאָמבינענט שינגלס וואקסין**, אדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**
- גייט **יעצט אריבער אן עפיזאדע פון שינגלס**
- איז **טראגעדיג**

אין געוויסע פעלער, וועט אייער דאקטאר מעגליך באשלוסן צו אפשטופן שינגלס וואקסינאציע ביז א צוקונפטדיגע באזוך.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וואס זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי דערהוילן זיך איידער באקומען דעם ריקאָמבינענט שינגלס וואקסין.

אייער דאקטאר קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- מילדע אדער מעסיגע ווייטאג אין די ארעם איז אן אפטע ערשיינונג נאכן באקומען דעם ריקאָמבינענט שינגלס וואקסין. רויטליכקייט און א געשווילעכץ קענען אויך געשען ביי דעם פלאץ וואו מען האט געגעבן די איינשפריץ.
- פילן אויסגעמוטשעט, ווייטאג אין די מוסקל, א קאפווי, ציטערן, פיבער, בויך ווייטאג און איבל געשעען אפט נאכן באקומען דעם ריקאָמבינענט שינגלס וואקסין.

די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) קענען צייטווייליג צוריקהאלטן א וואקסינירטער מענטש פון טאן רעגלמעסיגע אקטיוויטעטן. סימפטאמען גייען געווענטליך אוועק אליין ביז 2 צו 3 טעג. איר זאלט נאכאלץ באקומען די צווייטע דאזע פון דעם ריקאָמבינענט שינגלס וואקסין, אפילו אויב איר האט געהאט איינס פון די רעאקציעס נאך די ערשטע דאזע.

Guillain-Barré Syndrome (גיאַן-בארעי סינדראם, GBS) איז אן ערנסטע נערוון קראנקייט און איז באריכטעט געווארן אין גאר זעלטענע פעלער נאך וואקסינאציע מיט דעם ריקאָמבינענט זאָסטער וואקסין.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינרעכנענדיג וואקסינאציע. זאגט אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעענונג טויששט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, עס זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

## 5. וואס אויב עס איז דא אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומט דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאענסטן שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט ארייננגעבן דעם באריכט, אדער איר קענט דאס אליין טאן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף www.vaers.hhs.gov אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. ווי אזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטייט העלט דעפארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (עסן און דראג אדמיניסטראציע) (FDA) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines.
- פארבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (צענטערס פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג) (CDC):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC וועבזייטל אויף www.cdc.gov/vaccines.

כדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האָבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפרוואוומענט רעדזשיסטרי. יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.

Yiddish translation provided by Immunize.org

MDHHS-Pub-1189Y AUTH: P. H. S., Act 42, Sect. 2126.